**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/25/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול באלייכט ניו יארקע וויכטיגע געביידעס אין פייערונג פון גריכישער זעלבסטשטענדיגקייט טאג**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט געביידעס וועלן באלאכטן ווערן בלוי און ווייס היינט נאכט, מערץ 25, אין פייערונג פון דעם גריכישן זעלבסטשטענדיגקייט טאג. דער טאג צייכנט אפ די 201'טע יארטאג פון גריכלאנד'ס זעלבסשטענדיגקייט פון די טערקישע אימפעריע נאכפאלגנדיג די גריכישע רעוואלוציע פון 1821.

"היינט פייערן מיר דעם גריכישן זעלבסטשטענדיגקייט טאג צוזאמען מיט ניו יארק'ס גריכישע קאמיוניטי דורכן ארויסווייזן ווי דאנקבאר מיר זענען פאר זייערע קולטורישעביישטייערונגען צו די געוואלדיגע סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "גריכישע קולטור איז ארייגעבויט אין די יסודות פון אונזערע טאג-טעגליכע לעבנס אין פילע וועגן אלץ ניו יארקער, און איך בין שטאלץ צו באלייכטן ניו יארק'ס וויכטיגע סטרוקטורן אין בלוי און ווייס דעם אוונט צו פייערן די שטארקע קשרים וואס מיר האבן מיט דעם געוואלדיגן פאלק."

ניו יארק סטעיט האט איינס פון די גרעסטע גריכישע באפעלקערונגען אין אמעריקע, ביישטייערנדיג צו יעדע פראפעסיע און מיטטיילנדיג זייער קולטור דורך רעסטוראנטן, קירכעס, גאסן פעסטיוואלן, פאראדעס און פילע אנדערע וועגן.

די וויכטיגע סטרוקטורן וועלכע וועלן באלאכטן ווערן אין פייערונג פון דעם גריכישן זעלבסטשטענדיגקייט טאג רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויעדאָקט
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייגאנג

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן